**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, סענאט מאיאריטעט פירער שומער און קאנגרעסמאן נאדלער גיבן ארויס געמיינזאמע סטעיטמענט אויף די היינטיגע קאנגרעסיאנעלע דעלעגאציע זיצונג**

"היינט נאכמיטאג האבן מיר זיך געטראפן מיט מיטגלידער פון די ניו יארק קאנגרעסיאנעלע דעלעגאציע זיך דורכצורעדן איבער ניו יארקער׳ס אנגייענדע ארבעט צו באקעמפען דער קאָוויד-19 פאנדעמיע און באשיצן ניו יארקער — אריינגערעכנט זיך גרייט מאכן פאר די אָמיקראָן ווערינט — און אין דער זעלבער צייט שטעלן פעדעראלע הילפס-מיטלען צו די ארבעט אין אונזער סטעיט.

ניו יארקער געניסן שוין פון פאנדעמיע פארלייכטערונג פראגראמען, און באלד וועלן פעדעראלע אינפראסטרוקטור דאלארען — אדאנק די לעצטנסדיג דורכגעפירטע בייפארטיזען אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס אקט — וואס וועט ליפערן קריטיש-וויכטיגע שטיצע פאר גרויסע פראיעקטן און אונטערהייבן אונזער עקאנאמישע ערהוילונג. מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו ארבעטן אינאיינעם צו העלפן ניו יארקער וואס ראנגלען זיך נאך פון די עקאנאמישע ווירקונגען פון דער פאנדעמיע, שאפן גוט באצאלטע דזשאבס, און צוריק בויען אונזער עקאנאמיע אויף בעסער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן